ישראל שטערן
(ווארשא)

I.

# די תפילה פון א מענשען בײַטאָג



טאָג, ווייסער טאָג, וואָס איז דיר
זענען אויפגעמאַכט
אַלע פאַרבען — און די גאַסען ליגען אָפען,
ווי אויפגעמאַכטע טייסטערס פון פאַרשווענדערע
בעלי צדקה, איז אַלע כרואים און געווענדער,
אַלע מענשען און די ווענד, וואָס
זענען איינגעשלאָפען
שטעהענדיגערהייד, און די שילדען,
וועלכע רעדען מיט קאָלירען
און ווילען די קרעמער פאַר פּעקבק מאַכן —
איז ווי אַלע, אין יעדען שטיין, אין יעדען שטרוי, אין אַלע זאַכען
זיצט דיין גוטסקייט, טאָג, שיינענדיג און וואַרים,
ווי עס לעבט אין זילבערנע לייכטער אַ ליכט. —
איך בין אויך אַ זאַך און וויל פיהלען אויף מיר דיין לייכטענדיג געזיכט,
איך וויל דיינע שלייפען זאָלען אַרויסווישען פון מיינע קנייטשען
יעדע פערבאָרגענהייט און איך זאָל געבענטשט זיין מיט אָפענקייט,
ווי דער פוהרמאַן האַלט אין מיטען גאַס דאָס פערד ביי די לייטשען
ווי דער איד שרייבט פריי אויף זיין טהיר, די ציפערן מיט קרייד.

זאָל יעדע פערשטעלטקייט פערשווינדען פון מיין געמיט,
ווי עס שטאַרבט אָב די שוואַרצקייט פון אייזען, ווען דאָס אייזען
גליהט.

לאָמיך אין דיין ברענענדיגען שיין געליטערט ווערן
און זעהען דאס, וואס קיינער זעהט נישט, און זעהן מעהר, ווי עס
איז געשעהן.
גבהות, כאָטש לאָמיך אליין אויך זיין, אויך צום העכערן גענייגט.

פאַרוואס איז יעדער סלופ און יעדער דאַך,
איבער זיין אייגענער געשטאַלט א האָר,
און פאַרוואס לאַז איך אראָב די ברעמען?
צי בין איך ערגער פון דעם פראַטשואַר,
וואס ליגט צופרידען און דארף זיך נישט שעהמען
צו קוקען דעם הימעל אין די אויגען?...

זאל יעדע בעהעלטעניש פון מיר אנטרינען,
כ'וויל מיין לעבען אין סודות נישט פערשפאַרען.
איך וויל אין דיינע הענד, טאָג, מיך געפינען,
העלף מיר זיין, ווי דו, און קיינעם נישט נאַרען.

זעהסט, איך האָב די פענסטער פון מיין הויז און מיינע אויגען
צעעפענט ברייט.
און אז א פייני האט מיין שדעל ארומגענומען, ווי א קיים,
האָב איך געענטפערט: קום נישט מעהר, איך קאָן דיך נישט
פערטראָגען.
און א צווייטער וועל איך נאָך היינט אָדער העכסטענס מאָרגען זאָגען:
שענער וואלט געווען די וועלט, ווען זי שטעהט אויף דיינע פיס...

איך וויל נישט אין מיינע הייסע געבעטען
זאל אריינכאַפּען זיך א פרעמדער געדאַנק.
צי קען איך נישט פרעהען זיך דיין, ווי א זאַנג,
ווען ער האט זיך דערוואָרמט, אז דו זאָלסט איהם גלעטען?

איך בין דאך אויך א בעשעפעניש, טאָ פאַרוואס זאל די נאַכט
מיך אומעטום יאָגען מיט איהר לעצט ביסעל קלאָג?
בין איך ערגער פּתה חונה, וואס לויפט אום און לאַכט
און טראָגט אין די קאָרלעם דיך, פולער טאָג!?

אָדער אפשר קלעבט נאָך אין מיר עפּעס טונקעלס
און אין דעם געוועב פון געגענשטאַנדע
נעהמט מיין בליק פערלירען,
ווי דו, טאָג, אליין פערלירסט זיך אמאל אין א געוויטער...

נאָר איצטער ביסטו דאָך געפּעסטיגט מיט טויזענד ווייסע באַנדען,
און אַלע גערטען שטעהען נאָך און זעגען דיינע היטער,
און ביסט די קרוין פון יעדען דאָרף און שטערט זעגען דיינע גיטער,
און טרייבסט די תבואה פון דער ערד און פון שטויב אַרויס דעם שניטער.
שלאָג סיך אויך מיט דיינע גאָלדענע ריטער
און יאָג מיך ארויס פון יעדער נעץ און בלויען אָדער־נעדרען,
און זאָג די זאַכען
סיך א ליכטיגען זעהען ביי זייערע ראַנדען...

זעהסט? כ'האָב פערגעסען אלע שפּרוכען פון ביינאַכט.
נישט אויף פּחד׳ העגנט מיין האַרץ, ווען איך בין מתפּלל.
איך וויל נישט, אז די פינסטער נישט
זאָל אַראָבשווערען מיין האַנד,
ווען איך שטרעק זי צום געבעט.
ניין. גראָד דענסטמאָל, ווען איך הער דיינע טריט, הויכער טאָג,
ווען די פרייד צעוויקעלט זיך, ווי א פאָהן אין אַלע עקען,
און מענשען ווילען נישט דאַוונען, ווייל זיי דאַרפען זיך נישט שרעקען—
גראָד ווען איך הער דיינע שפּריזען, גרויסער טאָג,
וויל איך, אז מיין תפילה
זאָל זיין טיף און אָהן א פּנים
ווי דער געלעכטער פון די קינדער אויפן הויף, —

וויל איך, אז מיין תפילה
זאָל זיין טרייסטענדיג און פרוב,
ווי די ליעדער פון מיין עבן זיצענדיג ביים וואַרשטאַט
וויל איך, אז אין מיין תפילה
זאָל זיין אַזוי פיעל הייליגקייט און געוויינערייי,
ווי אין דעם שפּריזען פון א דיכטער דורכן צימער
נאָכן אויספידרען דעם אמת אין א ווערק,—
וויל איך, אז מיין תפילה
זאָל זיין א ליבעס־בריעף צווישען אונז,
ביז דו וועסט אַרויספאַלען אויף מיין האַלז, ווייסער טאָג,
און איך וועל אויפגעהן אין דיר אינגאַנצען, ווייסער טאָג!

די תּפֿילה פֿון אַ מענטשן בײַ טאָג

הײַנט – יובילײ־בוך 1928–1908 (וואַרשע, 1928)

זז׳ 36–35